# מאמר התחזקות:

א רייכער אוצר פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים



געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

שנה ד' גליון מ"ו | וארא - בא תש"פ


ספעציעלע סעריע
~
לקראת ימי השובבי"ם

# וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם א'

## דער הלכה'דיגער חיוב פון שמירת עינים

פרק א': **לערנען די הלכה | דער איסור דאורייתא פון הסתכלות בנשים | כאפן א קורצן בליק | אויב מ'האט געזען בטעות | מיר וועט דאס נישט שאטן | שאדט דאס טאקע נישט? | סך הכל להלכה**

## לערנען די הלכה

דער ערשטער יסוד צו קונה זיין שמירת עינים, איז אז דער מענטש זאל זיין קלאר אינעם הלכה'דיגן חיוב וואס איז דא ביי דעם. ווייל ווען איינער ווייסט מיט א זיכערקייט וואס ער דארף טון, ער איז קלאר ביי זיך וואס דער רבש"ע פארלאנגט פון אים, גיבט דאס אים דעם כח ער זאל דאס טאקע קענען אויספירן. אפילו ווען ער האט א נסיון, וועט ער טרעפן אין זיך די שטארקייט זיך מתגבר צו זיין, וויבאלד ער האט נישט קיין ספק אז דאס איז דער פליכט פון א איד און אזוי מוז ער זיך פירן.

פארקערט אבער, ווען א מענטש איז נישט הונדערט פראצענט קלאר מיט'ן חלק ההלכה, ער איז אומזיכער מיט'ן חיוב וואס ער האט זיך צו היטן די אויגן, איז דאס פון די גרעסטע גורמים ער זאל האבן א התרשלות ווען ס'קומט למעשה. ווייל אלץ שפירט ער אז אפשר איז דאס נישט ממש אסור, ס'קען זיין אז נישט דאס מיינט מען, דאס איז נאר א מדת חסידות און נישט מעיקר הדין, ממילא איז אסאך שווערער צו שטיין פעסט מיט דער ריכטיגער שמירת עינים.

און בנוסף צום פראקטישן חלק, איז אויך ידוע פונעם הייליגן **בעל שם טוב זי"ע**, אז לערנען די הלכות פון א מצוה איז א סגולה אז דער מענטש זאל דאס ריכטיג קענען מקיים זיין (מובא ב**סטרעליסקער חיבור** שהרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע אמר כן בשם הבעש"ט זי"ע. וכן ידוע זה מהגאון **ר' ישראל סאלאנט זצ"ל**, מייסד תנועת המוסר).

אלזא, ווען איינער וויל זיך פארבעסערן אינעם ענין פון שמירת עינים און אנהייבן לעבן מיט אפגעהיטענע אויגן, איז די ערשטע זאך ער זאל קענען דעם חלק ההלכה און וויסן אז דאס איז א חיוב מעיקר הדין. אזוי ווי דער הייליגער **חידושי הרי"ם זצ"ל** האט אמאל געטייטשט, "**אם פגע בך מנוול זה**", אויב דער יצר הרע טרעפט דיך אָן און ער פרובירט דיך איבערצורעדן צו אן עבירה, "**משכהו לבית המדרש**", זאג אים, "אין בית המדרש האב איך געלערנט אז דאס איז אסור!" (**דער קאצקער קוויטל**, נדפס בסוף ספר חמדת דוד עה"ת, ששמע מפה קדשו).

## דער איסור דאורייתא פון הסתכלות בנשים

אין דער תורה הקדושה שטייט (במדבר לט, ו), "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", עטץ זאלטס נישט נאכגיין וואס ענקערע הערצער טראכטן און וואס ענקערע אויגן זעען. דער פסוק איז א מצות לא תעשה אז א מאן זאל נישט קוקן אויף פרעמדע פרויען. ווי דער **בית יוסף** (אבה"ע סי' כ"א) ברענגט דעם לשון פון **רבינו יונה**:

**אָסוּר לְהִסְתַּכֵּל בְּאֵשֶׁת אִישׁ מִן הַתּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם". וְכָל הַמִּסְתַּכֵּל בְּאֵשֶׁת אִישׁ, מַכְשִׁיל וּמַכְחִישׁ כֹּחַ יִצְרוֹ הַטּוֹב וְהוֹדוֹ נֶהְפַּךְ עָלָיו לְמַשְׁחִית.**

## למען תספר:

### וויאזוי צדיקים און ערליכע אידן זענען געווען נזהר אינעם איסור פון הסתכלות

~

### דער פחד פונעם צאנזער רב'ס תורה

דער בארונובער רב זצ"ל האט פארציילט, אז ער איז אמאל געווען ביים **הייליגן דברי חיים זי"ע** אין צאנז אויף שבת פרשת שלח. ווען עס איז געקומען צו זאגן תורה ביים טיש, האט דער צאנזער רב גענומען א חומש, און דורכגעבלעטערט די וואכעדיגע סדרה צו טרעפן א פסוק אויף וואס צו זאגן תורה, ביז ער איז צוגעקומען צום פסוק סוף סדרה "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".

אנקומענדיג צו דעם פסוק איז דער דברי חיים געווארן געווארן שטארק פארפלאמט, כדרכו בקודש, און ער האט געקלאפט אויפ'ן טיש מיט א געוואלדיגן קאך, אויסרופנדיג: **"דער פשוט'ער פשט אין דעם פסוק איז, איר זאלט נישט נאכגיין נאך אייערע הערצער און נאך אייערע אויגן - נאר פאר'ן 'אֵין סוֹף' דארף מען אויסצוגיין!"**

"הערנדיג די הייליגע דיבורים ארויסקומען פונעם צאנזער רב'ס מויל," האט דער בארנובער רב אויסגעפירט, "איז געפאלן אזא פחד אויף אלע אנוועזנדע, אז מ'האט ממש נישט געקענט צו זיך קומען פאר א שטיק צייט. אזא אימה האבן זיינע פארכטיגע ווערטער געווארפן אויפ'ן עולם."

**קדושת עינים** עמ' תתיח
בשם **כוחו דרשב"י** במפתחות שבסוף הספר

המשך אויף זייט 2 >>>

## למען תספר:

>>> המשך פון זייט 1

## מ'טאר נאך אלץ נישט קוקן

הרה"ח ר' אברהם יוסף באקענרויט האט דערציילט וואס ער האט אמאל בייגעוואוינט ביי **הרה"ק רבי משה'לע מבאיאן זצ"ל**. געווען איז דאס אינעם אפרו-פלאץ טריסקאוויץ, און הרה"ק רבי משה'לע האט געפראוועט דארט דעם יארצייט טיש י"א אלול, ביומא דהילולא פון זיין זיידן הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורא זצ"ל, וואו ס'איז געווען אנוועזנד א גרויסער ציבור חסידים ואנשי מעשה.

אינמיטן טיש האט זיך רבי משה'לע אנגערופן: "מ'זאגט אויף פייגל (דאס איז געווען דעם רבי'נס מומע, א טאכטער פון הרה"ק מסאדיגורא זצ"ל) אז זי האט די צורה פונעם הייליגן זיידן פון רוזין. מיט דעם אלעם טאר מען אבער נישט קוקן אויף איר!"

**שיח זקנים** ח"ד עמ' לז

## נאר אויף א באבע

א בחור האט אמאל געשיקט א בריוו צו **הרה"ק מתולדות אהרן זצ"ל**, וואו ער האט אים אנגעפרעגט איבער קוקן אויף זיין באבע, זיין מומע, זיין שוועגערין, און זיין ברודער'ס טאכטער. האט זיך דער תולדות אהרן רבי אנגערופן, "נאר אויף א באבע."

אין אן אנדערער געלעגנהייט האט דער בחור געפרעגט פונעם תולדות אהרן רבי פון וועלכע יארגאנג טאר מען נישט קוקן, אויף וואס ער האט געענטפערט, "פון די ניין יאר."

**חותמו של כהן גדול** עמ' רס, **מובא בקדושת עינים** פ"ב אות צ"ו

## נישט געקוקט אויף זיין שוועגערין

**הרה"ק רבי מנחם מענדל מדעעש**, בעל מעגלי צדק זצ"ל, פלעגט אלס קליין קינד גיין אפט צום שטוב פון זיין ברודער רבי לייבוש זיך צו שפילן מיט זיינע קינדער.

אין זיינע שפעטערע יארן האט זיין שוועגערין, די פרוי פון רבי לייבוש, דערציילט פאר אירע אייניקלעך, אז ווען דאס הייליגע קינד מנחם מענדל איז געווען ביי זיי אינדערהיים און ער האט איר באמערקט אריינקומען אין צימער, האט ער גלייך פארמאכט זיינע אויגן, נישט ווילנדיג זען זיין שוועגערין.

**וירא ישראל** ח"א דף כ"ו

המשך אויף זייט 3 <<<

אין **שלחן ערוך** אבן העזר (סי' כא סעיף א') ווערט גע'פסק'נט דער איסור פון הסתכלות בנשים מיט פארשידענע פרטים:

**צָרִיךְ אָדָם לְהִתְרַחֵק מֵהַנָּשִׁים מְאוֹד מְאוֹד, וְאָסוּר לְהַבִּיט בְּיָפְיָהּ, וְאָסוּר לְהִסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים שֶׁעוֹמְדוֹת עַל הַכְּבִיסָה. וְאָסוּר לְהִסְתַּכֵּל בְּבִגְדֵי צִבְעוֹנִים שֶׁל אִשָּׁה שֶׁהוּא מַכִּירָהּ, אֲפִילוּ אֵינָם עָלֶיהָ, שֶׁמָּה יָבוֹא לְהַרְהֵר בָּהּ. וְהַמִּסְתַּכֵּל אֲפִילוּ בְּאֶצְבַּע קְטַנָּה שֶׁל אִשָּׁה וְנִתְכַּוֵּן לֵהָנוֹת מִמֶּנָּה, כְּאִילוּ נִסְתַּכֵּל בְּבֵית הַתּוֹרֶף שֶׁלָּהּ. וְאָסוּר לִרְאוֹת שַׂעֲרָהּ. וְהַמִּתְכַּוֵּן לְאֶחָד מֵאֵלּוּ הַדְּבָרִים, מַכִּין אוֹתוֹ מַכַּת מַרְדּוּת.**

אין אידיש: א מענטש דארף זיך זייער שטארק דערווייטערן פון פרויען, און ס'איז אסור צו קוקן אויף איר שיינקייט, און מ'טאר נישט קוקן אויף פרויען אין דער צייט וואס זיי וואשן וועש (וואס דער סדר פלעגט זיין אז זייערע פיס זענען געווען אויפגעדעקט). אויך טאר מען נישט קוקן אויף שיינע קליידער פון א פרוי וואס מ'קען, אפילו ווען זי האט זיי נישט אן, כדי מ'זאל נישט קומען צו טראכטן פון איר. דער איסור פון הסתכלות איז אפילו ווען מ'קוקט בלויז אויפ'ן קליינעם פינגער מיט א כוונה הנאה צו האבן, און אזוי אויך טאר מען נישט קוקן אויף אירע האר. איינער וואס טוט איינע פון די אלע זאכן בכוונה, שלאגט מען אים מכת מרדות.

אלע פוסקים נעמען איינִיג אן דעם איסור פון הסתכלות, און ס'איז נישט פארהאן קיין שום חולק דערויף. ס'איז נאר דא א דיון אין די ראשונים צי דער איסור איז מדאורייתא, אדער נאר מדרבנן.[א] להלכה שטייט אבער אין די **פוסקים** אז דער איסור פון הסתכלות בנשים איז א דאורייתא, וואס מען לערנט ארויס פונעם פסוק "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", ווי פריער דערמאנט (**דרך פקודיך** ל"ת לה, **פרי מגדים** או"ח סי' עה במ"ז סק"א, **משנה ברורה** או"ח סי' עה סק"ז, ועוד).

דער איסור איז נישט בלויז ביי אויסגעלאסענע און פריצות'דיגע פרויען, נאר אפילו ווען זי איז געקליידעט גענצליך בצניעות טאר מען אויך נישט קוקן. אזוי אויך גייט אן דער איסור אפילו ביי קרובים, ווי א שוועגערין, קאזין, אא"וו, חוץ ביי א מאמע, א באבע, א שוועסטער, א טאכטער, און אן אייניקל (**פתחי תשובה** או"ח סי' רכה סק"א, **משנה ברורה** שם סק"א).

~

אין **משנה ברורה** ווערן אויסגעשמועסט אין קורצן עטליכע הלכה'דיגע יסודות אינעם איסור פון הסתכלות:[ב]

איינער וואס קוקט אויף א פרוי, אפילו בלויז אויפ'ן קליינעם פינגער, איינמאל ער קוקט כדי צו הנאה האבן, איז ער עובר אויפן לאו פון "וְלֹא תָתוּרוּ עֵינֵיכֶם". און חז"ל זאגן אויף אזא עמיצן, אז אפילו ער פארמאגט תורה און מעשים טובים, וועט ער נישט זיין ריין פון גיהנום.

סתם קוקן לפי תומו און אָן קיין הנאה איז מותר מעיקר הדין,[ג] אבער מצד המוסר זאל מען זיך צוריקהאלטן דערפון, און אן אדם חשוב דארף זיין נזהר אויף יעדן פאל. אויף פלעצער וואס קומען צו זיין פארדעקט, ווי די ארעמס אד"ג, איז אפילו בלויז א ראיה לפי תומו אסור מעיקר הדין.

## כאפן א קורצן בליק

די פוסקים ברענגען אז דער איסור פון הסתכלות איז אפילו פאר ממש א קורצער צייט. ווי דער **פרדס רימונים** שרייבט (יו"ד סי' קצה בשפתי חכם סק"כ), **"לֹא חִילְּקוּ בְּהִסְתַּכְּלוּת בְּעֶרְוָה בֵּין שָׁעָה מוּעֶטֶת לִזְמַן מְרוּבָּה"**, חז"ל האבן נישט געמאכט קיין חילוק ביים איסור פון הסתכלות בנשים צי מ'קוקט א קורצער צייט אדער א לאנגער צייט.

און אזוי פסק'נט אויך דער **ערוך השלחן** (או"ח סי' ס"ה), אז אפילו איינער וואס קוקט בלויז איין רגע, האט שוין עובר געווען אויפ'ן איסור פון הסתכלות בנשים.

דאס איז א פלאץ וואו דער יצר הרע טרעפט אפט א פתח מכשיל צו זיין דעם מענטש, מיט דער מחשבה אז כאפן א שנעלן בליק איז נישט געפערליך. וואס קען שוין זיין אזוי הארב מיט אזא קלייניקייט, און נאכדערצו אן איסור דאורייתא?

מ'דארף אבער וויסן אז ס'איז נישט אזוי, ווי די פוסקים שמועסן אויס. דער איסור איז דא אייביג, נישט געוואנדן ווילאנג ס'איז. פונקט ווי יעדער ווייסט אז מ'טאר נישט מחלל שבת זיין ח"ו אפילו איין רגע און מ'טאר נישט עסן טריפות אפילו א קורצער צייט, דאס זעלבע איז ביי הסתכלות, ס'איז אסור צו קוקן אָן קיין חילוק צווישן אסאך און ווייניג. און אז דאס פארלאנגט דער רבש"ע, קען דאס יעדער איד באוייזן.

**הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע** שרייבט איבער דעם נסיון פון "א גע'גנב'עטן בליק" (**ליקוטי מוהר"ן** ח"א סי' קכח):

די גמרא זאגט אויפ'ן יצרא דעריות (יומא סט, ב), "כָּחֲלִינְהוּ לְעֵינֵיה וְשָׁבְקוּהוּ", דהיינו אז די אנשי כנסת הגדולה האבן אים בלינד געמאכט די אויגן און דערנאך אפגעלאזט, מ'האט אים נישט אינגאנצן גע'הרג'עט.


### קויפט זכותים!
יעצט אין די ימי השובבי"ם

**זכות הוצאות הגליון**
$1,200
~
**זכות הפצת הגליון**
$1,200
~
זכות **5,000 גליונות** - $500
~
זכות **4,000 גליונות** - $400
זכות **3,000 גליונות** - $300
זכות **2,000 גליונות** - $200
זכות **1,000 גליונות** - $100
~
מיט דעם העלפט איר פארשפרייטן ביי כלל ישראל העכער **50,000 גליונות** אויף שמירת עינים!

צו מנדב זיין רופט "הוצאות טהור עינים"
**802.327.3592**

פארדעם זעט מען אפטמאל אז אפילו ערליכע אידן וועלכע האבן יראת שמים און לאזן אראפ די אויגן נישט צו קוקן אויף נשים, געבן זיי אבער צומאל א גע'גנב'עטן בליק כלאחר יד און קוקן פון דער זייט. דאס איז מרומז אין דעם וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן געטון: זיי האבן בלינד געמאכט זיינע אויגן, דהיינו אז ער האלט צוריק זיינע אויגן נישט צו קוקן, ווי ער וואלט געווען בלינד, אבער דערנאך האבן זיי אים אפגעלאזט, ווייל כלאחר יד פון דער זייט קוקט ער יא.

## אויב מ'האט געזען בטעות

דאס אלעס וואס מ'האט גערעדט ביז אהער איבער דעם איסור פון הסתכלות, איז נאר ווען דער מענטש טוט עס ברצון און מיט כוונה, ווי דער לשון פון שלחן ערוך, "וְהַמִּתְכַּוֵּן לְאֶחָד מֵאֵלּוּ הַדְּבָרִים". אויב אבער מ'האט בטעות באמערקט א ראיה אסורה און תיכף קוקט מען אוועק, שרייבן די פוסקים אז דאס איז נישט אין כלל פונעם איסור; אויף דעם איז געזאגט געווארן "אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו", דער רבש"ע פארלאנגט נישט קיין זאכן וואס זענען נישט אין דער האנט פונעם מענטש.[ד]

די פוסקים פירן אבער אויס, אז מ'דארף שטארק נזהר זיין אוועקצוקוקן תיכף ומיד ווען מ'האט געזען, ווייל אויב איז מען ווייטער ממשיך צו קוקן, איז מען דעמאלטס עובר אויפ'ן איסור הסתכלות, כאטש וואס ס'האט זיך אנגעהויבן מיט א טעות.

ווען ס'פאסירט אזא פאל, דארף מען האבן ספעציעלע זהירות צו האלטן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ, און נישט נכשל ווערן מיט'ן ווייטער קוקן אפילו א שנעלן בליק פאר איין סעקונדע. נאר תיכף ומיד, גלייך וואס מ'כאפט זיך, זאל מען זיך אוועקדרייען און פארגעסן וואס מ'האט געזען. דער **טור**, גאנץ אנהייב פון אורח חיים,[ה] שרייבט אז אויף דעם זאגט יהודה בן תימא מ'זאל זיין "קל כנשר", אז ווען מ'באמערקט א ראיה אסורה, זאל מען זיין גרינג ווי אן אדלער גלייך אוועקצוקוקן פון יענעם פלאץ.

דער הייליגער **קאברינער זצ"ל** האט געזאגט, אז דער עיקר חטא ביי שמירת עינים איז אויפ'ן צווייטן בליק, דאס וואס ער קוקט ווייטער נאכדעם וואס ער איז נכשל געווארן. ווייל אויפ'ן ערשטן בליק, דאס וואס ער האט געזען אומווילנדיג, קען מען אים נישט פארהאלטן, ס'איז דאך נישט געקומען מרצון. און מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", מ'זאל נישט נאכגיין **נאך** די אויגן, ד"ה מ'זאל נישט קוקן ווייטער נאך וואס מ'האט עפעס געזען בטעות.[ו]

אויך זאל מען נישט זוכן צו קוקן צי מ'איז נכשל געווארן, ווי **הרה"ק מתולדות אהרן זצ"ל** שרייבט א בריוו: "מ'זאל נישט קוקן אויב מ'איז נכשל געווארן, דאס הייסט אויב איז מען מסופק וואס מ'האט געזען, זאל מען נישט צוריקוקן צי מ'איז טאקע נכשל געווארן. מ'זאל נישט איבערקוקן וואס מ'האט געקוקט, און נישט איבערטראכטן וואס מ'האט געטראכט, נאר תיכף גענצליך אוועקשטופן די מחשבה." (**אסיפת מכתבים** ח"א מכתב צא).

פון דער אנדערער זייט דארף מען וויסן, אז מיט יעדן מאל וואס מ'קוקט אוועק גלייך ווען מ'באמערקט בטעות א ראיה אסורה, איז מען מקיים די מצות לא תעשה פון "ולא תתורו אחרי עיניכם", און דער שכר דערויף איז גאר גרויס. אזוי ווי **חכמינו ז"ל** זאגן (קידושין לט, ב), "יָשַׁב וְלֹא עָבַר עֲבֵירָה, נוֹתְנִים לוֹ שְׂכַר כְּעוֹשֶׂה מִצְוָה".

**- המשך המאמר בגליון הבא אי"ה -**

### מקורות והוספות

**א]** **בבית שמואל** אבה"ע (סי' כ"א ס"ק ב') מביא דלדעת הרבינו יונה היא איסור דאורייתא ולדעת הרמב"ם היא רק איסור דרבנן, עיי"ש, ובאחרונים דנו הרבה על דבריו בדעת הרמב"ם, ואכמ"ל.

**ב]** זה לשונו באו"ח סי' עה סק"ז: "המסתכל באשה, אפילו באצבע קטנה, כיון שמסתכל בה ליהנות עובר בלאו ד'לא תתורו אחרי עיניכם', ואמרו (ברכות סא.) שאפילו יש בידו תורה ומעשים טובים לא ינקה מדינה של גיהנום. וראיה בעלמא לפי תומו בלא נהנה שרי אם לא מצד המוסר, ובספר **מנחת שמואל** (נח: ד"ה ראה בריות) הוכיח דאדם חשוב יש לו ליזהר בכל גווני. וכתב **הפרי מגדים** (מש"ז סק"א), דבמקומות שדרך להיות מכוסה, כגון זרועותיה וכהאי גוונא שאר מקומות הגוף, אף ראיה בעלמא אסור".

**ג]** פרטי החילוק בין הסתכלות לראיה בעלמא לפי תומו יתבארו אי"ה במקום אחר.

**ד]** זה לשון **אשל אברהם**, בוטשאטש, באו"ח סוף סי' שו: "איסור הסתכלות בערוה וכדומה איסורי הסתכלות, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו בזה, והקפידה רק במה שבידו לעצום עיניו משם תיכף שנזכר ולהסתכל לצד אחר או לעצום עיניו לגמרי ואינו עושה כן, שמאז והלאה הוא בגדר הסתכלות. משא"כ ראיה בעלמא דרך העברה בעלמא במה דאתיא לפניו".

וכ"כ **בדרך פקודיך** ל"ת לה: "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם (במדבר טו, לט), לאפוקי אם ראה פתאום בלא הודע שלא בכוונה, אינו עובר, אבל צריך תיכף להיות עוצם עיניו".

**ה]** או"ח סימן א' וזה לשונו: "יהודה בן תימא אומר, הוי עז כנמר וקל כנשר וכו' (אבות פ"ה מ"ט). אמר 'קל כנשר' כנגד ראות העין, ודימה אותו לנשר, כי כאשר הנשר שט באויר כן הוא ראות העין, לומר שתעצים עיניך מראות ברע, כי הוא תחילת העבירה, שהעין רואה והלב חומד וכלי המעשה גומרין", עכ"ל. וכתב על זה **בית יוסף** (ד"ה ומ"ש קל כנשר): "כי אם יפגע בדבר ערוה, מהרה קל חיש יעצים עיניו מראות ברע".

**ו]** מובא בספר **תורת אבות** פ' שלח, עה"פ "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם": "מאמר חז"ל (בראשית רבה מד, ו') 'אחרי' מופלג, ר"ל שעיקר החטא הוא מה שלא נזהר בהסתכלות השניה אחרי שנכשל כבר בהסתכלות אסורה בשוגג בפעם ראשונה. שעל הראשונה אין לדונו כל כך, שהיה בלי כוונה, אבל כשהוא אינו שמור שוב את עיניו אחר כך זהו עיקר החטא".

## למען תספר:

>>> המשך פון זייט 2

### געבראכן פון א ראיה אסורה

אין ספר הקדוש "אור המאיר" ווערט געברענגט א מורא'דיגע מעשה:

דער הייליגער **מגיד פון מעזריטש זי"ע**, איידער ער איז נתגלה געווארן מיט זיינע גרויסע מדריגות, האט ער געדינט אין איינעם פון די שטעטלעך אלס מלמד, לערנענדיג מיט אידישע קינדער בקדושה וטהרה.

אין א טאג איז דער קעניג פון לאנד אינאיינעם מיט דער קעניגן געקומען באזוכן די שטאט וואו דער הייליגער מגיד האט זיך געפונען, און אין זייער באזוך זענען זיי ארומגעגאנגען איבער דער שטאט און זיך צוגעקוקט ווי אזוי אלעס פירט זיך. צווישן אנדערע זענען זיי אויך אנגעקומען צום ווינקל ווי דער הייליגער מגיד מיט זיינע תלמידים האבן געלערנט.

דערזעענדיג דעם קעניג האט זיך דער מגיד געשטעלט פארנט פון אים מיט גרויס יראת הכבוד, און אפגעגעבן דעם ריכטיגן כבוד המלכות ווי ס'פאסט. אינמיטן האט דער מגיד אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן, און זיין בליק איז בטעות געפאלן אויפ'ן פנים דער קעניגן וועלכע איז געזיצן דארט באצירט מיט'ן גאנצן קעניגליכן פראכט.

ברוב קדושתו האט דאס דער מגיד נישט געקענט פארנעמען, ס'האט אים פשוט געגרוילט דער אומווילנדער בליק אויף דער קעניגן, עד כדי כך אז ער האט זיך גענומען ברעכן פארנט פונעם קעניג און דער קעניגן...

זעענדיג עמיצן ברעכן פארנט פון אים, האט דער קעניג פארשטאנען אז נישט אנדערש נאר דער מענטש איז נישט מיט אלעמען... און ער האט געהייסן מ'זאל אים ארויסטראגן פון דארט.

מיט דעם סיפור פירט דער אור המאיר אויס מיט א פאסיגן לימוד אויף למעשה, אז מען זאל ארויסנעמען אן עצה טובה אויף א פאל ווען ס'קומט אונטער א ראיה אסורה, זיך צו פארעקלען דערפון און שפייען, כדי עס זאל חלילה נישט מאכן אין אים קיין רושם.

**אור המאיר** פרשת חיי שרה

### ארויפגעלייגט די הענט אויפ'ן פנים

דער **אמרי אמת פון גור זצ"ל** איז אמאל געזיצן ביי אן אסיפה, ווען אינמיטן האט מען געזען ווי ער לייגט ארויף זיינע ביידע הענט אויפ'ן פנים. שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין יענער צייט איז דורכגעגאנגען דארט א פרוי.

**קדושת עינים** עמ' תתכב, מפי **הגאון רבי אברהם חיים ברים זצ"ל**, ששמע מזקן אחד שהיה נוכח שם

## זען די נפלאות הבורא אין יעדער זאך

איך האב געהערט פון די תלמידים פון **הרב קאפעלמאן זצ"ל**, אז ער האט אמאל געזאגט, אז מיר זענען אזוי ווען ערליכע אידן פארן אויף אפרו ערגעץ אונטער דיביימער, געפינען זיי אין יעדן בלעטל און אין יעדן גרעזל די געוואלדיגע נפלאות הבורא. אבער פשוט'ע מענטשן זעען נאר די וואונדער פונעם איבערשטן ווען זיי פארן צו אויסטערלישע פלעצער, צו וואסערפאלן אד"ג, סתם די וואונדערליכע נאטור איז זיי נישט גענוג פארדעם.

די סיבה דערצו איז, האט הרב קאפעלמאן זצ"ל ערקלערט מיט זיין לשון, ווייל ס'וועדט זיך ווי אזוי מ'גייט אויף דריינצנטער עוועניו. אויב גייט מען מיט די אויגן אראפ, האט מען הייליגע אויגן, און דעמאלסט קען מען זוכה זיין צו זען די נפלאות הבורא אין יעדן גרעזעלע, אפילו מ'פארט נישט צו די אלע אויסטערלישע פלעצער. אבער אויב גייט מען מיט אויפגעהויבענע אויגן און מ'היט זיך נישט ווי ס'דארף צו זיין, איז מען נישט זוכה צו טרעפן דעם איבערשטנ'ס וואונדער אויף יעדן טריט, מ'מוז פארן צו אויסטערליש מקומות דאס צו קענען זען.

און ער האט מיט דעם געטייטשט דעם פסוק **"שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה"**. "שאו מרום עיניכם," א איד ווילכער גייט אין גאס מיט די אויגן אראפ אז מ'דארף אים הייסן ער זאל אויפהייבן די אויגן, "וראו מי ברא," ער קען זען די נפלאות הבורא, "אלה," אין אלע זאכן, סיי וואו ער גייט.

דער אויבערשטער זאל אייך געבן די כוחות איר זאלט ווייטער האבן די זכיה אויפצוטון פאר כבוד שמים.

**משה גאלדבערגער**, קרית יואל

# מכתבים למערכת:

לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע לייענער פונעם גליון

## בורח מן העבירה

אין א קונטרס וואס אן אייניקל פון **הגה"צ ר' פישל הערשקאוויטש זצ"ל** אב"ד האליין, האט ארויסגעגעבן מיט עובדות פונעם זיידן, פארציילט דער אייניקל אז ער האט אמאל אהיימבאגלייט דעם זיידן פון ביהמ"ד, און אויפ'ן וועג איז צוגעקומען צו אים א נישט אידישע רוימערקע, און געפרעגט אנווייזונגען וואו צו גיין אנצוקומען צו א געוויסן אדרעס. האט זיך דער זיידע גענומען אוועקלויפן פון דארט ווי מ'אנטלויפט פון א גנב, און הערשט נאכ'ן לויפן א שטיק וועג האט ער זיך אפגעשטעלט, און געזאגט פאר'ן אייניקל: **"דו ווייסט וואס מ'דארף טון אין אזעלכע פעלער? מ'מאכט זיך ווי א נאר, כאילו מ'פארשטייט נישט, און אזוי ווערט מען פטור!"**

די מעשה איז מיר געווען א גרויסן חיזוק. אסאך מאל ווען ס'קומט צו שמירת עינים איז מען דן וועגן כבוד הבריות, איך דא אינעם גליון האט מען שוין ארומגערעדט דערפון. ווער ס'האט געקענט הגה"צ רבי פישל זצ"ל ווייסט איבער זיין גרויס זהירות אין כבוד הבריות - ער פעלגט זיך אלץ באדאנקען פאר יעדן וואס האט אים עפעס געטון, ער האט פארשטאנען אז ווען ס'קומט צו שמירת עינים קוקט מען נישט אויף גארנישט.

(-)

## א הרגשה פונעם אוויר

הגה"צ ר' יצחק אלעזר מאסקאוויטש שליט"א פארציילט:

איך האב געהערט פון עמיצן וואס דער גרויסער גאון **רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל** הי"ד איז איינגעשטאנען ביי זיין טאטן ווען ער איז געווען אין אמעריקע.

פארציילט יענער איד, אז זייענדיג אין אמעריקע איז רבי אלחנן וואסערמאן געפארן אין א קאר, און אינמיטן איז דער קאר אריינגעפארן אין די פארנומענע גאסן פון מאנהעטן. האט רבי אלחנן אנגעהויבן שרייען: **"וואו טראגסטו מיך דא? וואו טראגסטו מיך דא?"** דאס איז געווען טראצדעם וואס דער גאון איז במשך דער גאנצער נסיעה געזיצן מיט'ן קאפ אראפגעבויגן און נישט ארויסגעקוקט פון פענסטער, האט ער אבער געשפירט אז דער פלאץ איז טמא.

ענליך צו דעם ווערט געברענגט אין דער הקדמה פונעם ספר **"מעלת התורה"**, פון הגה"ק רבי אברהם זצ"ל דער ברודער פונעם גר"א, אז רבי אברהם האט געוואוינט אויף זיך נישט אריינצוטרעטן אין דייטשלאנד, צוליב דער השכלה וואס איז דארט געווען פארשפרייט. אמאל איז ער געפארן אין א וואגן און בעל עגלה דער איז אריינגעפארן אין די גרעניצן פון דייטשלאנד, האט ער דאס גלייך מרגיש געווען, און גענומען שרייען מ'זאל שוין ארויספארן.

**קול אמונה** טעלעפאן ליניע
מעסעדזש #5450

## הונדערטער באנקנאטן אויף די גאסן

**לכבוד דער חשוב'ער מערכת פונעם גליון אויף שמירת עינים.**

איך וויל מיטטיילן א מעשה וואס האט פאסירט מיט מיין חבר, א חסיד'ישער יונגערמאן און חשוב'ער תלמיד חכם, וואו ער האט באקומען א גלעט פון הימל אויף זיין עבודה זיך צו שטארקן אין שמירת עינים.

איך וואוין אין מאנטריאל, וואס ווי באקאנט איז דא שטארק שעדליך צו גיין אויף די גאסן אין די הייסע זומער טעג. ס'איז געווען דעם ערשטן הייסן זומער טאג, ערגעץ פאר שבועות, און ס'איז אויסגעקומען פאר מיין חבר וועלכער וואוינט אויך דא אין שטאט צו גיין אין גראסערי, און אויפ'ן וועג האט ער געדארפט דורכגיין פארק עוועניו - א שטארק פארנומענע גאס.

מיין חבר האט אנגעהויבן גיין ווי אן ערליכער איד מיט די אויגן אראפ, היות אבער ער איז פונקט געווען שטארק אנגעשטרענגט יענעם טאג האט זיך אים אריינגע'גנב'עט א מחשבה אז ווער זאגט אז מ'מוז טאקע אראפקוקן א גאנצע צייט, ס'איז גענוג אז מ'קוקט אוועק ווען ס'קומט עפעס אונטער.

ער האט זיך אבער גלייך מחזק געווען, טראכטנדיג אז אפשר מעיקר הדין מוז ער נישט, אבער ס'איז דאך באקאנט וואס ס'שטייט אין ספרים הק', אז כאטש מיר ווייסן שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, איז דאס נאר געזאגט געווארן אויף די מצוות וואס מ'איז מחויב צו טון, אבער ווען איינער איז זיך מגדיר מער וויפיל מ'מוז, אויף דעם באקומט ער יא שכר אפילו אויף דער וועלט. לאמיר זאגן אז ס'ליגן דא הונדערטער אויסגעשפרייט אויף דער ערד, האט ער ווייטער געטראכט צו זיך, וואלט מיר דען געווען שווער צו אראפקוקן? נו, דער שכר פאר שמירת עינים יעדע רגע איז אסאך מער ווערד ווי הונדערטערס! מיט דעם געדאנק איז ער געגאנגען דעם גאנצן וועג אהין און צוריק, זיך פארשטעלנדיג כסדר ווי ער האלט אין איין טרעפן הונדערטערס.

אנקומענדיג נאנט צו זיין הויז אויפ'ן וועג אהיים האט מיין חבר געטראפן אויף דער ערד ---א גלאטן הונדערטער! אויפ'ן פלאץ וואו אסאך מענטשן גייען דורך, קיינער האט עס אבער נישט באמערקט, נאר מיין חבר וועלכער איז געגאנגען מיט די אויגן אראפ.

(-) מאנטריאל

הוצאות
# טהור עינים

Cong Tahor Eineyim | 802.327.3592

פאר נדבות, הערות, רופט:
**802.327.3592**
*נשמח לשמוע הערות

צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
**845.206.9879**
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת:
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe NY 10950

**כל הזכויות שמורות**
הרשות נתונה לצלם הגליון כמות שהוא על מנת לזכות הרבים, אבל אסור להעתיק ממנה קטעים בלי רשות המערכת

**צו העלפן אויסטיילן דעם גליון פארבינדט אייך מיטן מערכת**

**תודתינו נתונה**
למכון "קונטרס" על עזרתם להצלחת הגליון
קונטרס
845.210.6668

# על הטוב יזכר

מוה"ר **כל הנדבנים החשובים** הי"ו
שנדבו רוחם לתרום סכום הגון מידי חודש בחדשו, וגם אלו שנתנו נדבת לבם בעילום שם
**ובס"ה קנו זכות האדור של 9,000 גליונות**
~
**זכות 3,000 גליונות נקנה**
לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מרובניץ** זי"ע
~
**ואלו שקנו זכות 1,000 גליונות:**
הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל עינים**
~
מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
**לע"נ הרה"ק ר' שלום ב"ר מרדכי יוסף משה משאטץ זצ"ל**
~
**לע"נ מאיר אהרן בצלאל ב"ר נתנאל חיים ע"ה - י"ד טבת**

**השי"ת יעזור שהזכות של זיכוי הרבים יעמוד לכל העוזרים במלאכת הקודש שיתברכו בכל טוב, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא**